NYC Health

# מייאָפּיע אין קינדער

## וואס איז מייאָפּיע?

מייאָפּיע (myopia), אדער קורצזיכטיגקייט, איז א זעאונג פראבלעם וואס מאכט **זאכן וואס זענען ווייט אויסקוקן צעווישט**. אין 2050 וועלן אומגעפער 50% פון מענטשן ארום די גאנצע וועלט האבן מייאָפּיע, און אומגעפער 10% פון מענטשן ארום די וועלט וועלן האבן הויכע מייאָפּיע.

## אורזאכן

אן אויג מיט מייאָפּיע איז מער לענגליך ווי נארמאל, און דאס מאכט אז ליכט שטראלן זאלן זיך צוזאמטרעפן אין פארנט פון די 'רעטינא' הייטל גיבנדיג א צעווישטע בילד. סיי **גענעטישע עלעמענטן און סיי עלעמענטן אין די סביבה** קענען ביישטייערן צו מייאָפּיע.

## סימנים און סימפטאמען

סימפטאמען פון מייאָפּיע רעכענען אריין אנגעשטרענגטע אויגן, קאפּ ווייטאג, האלב פארמאכן די אויגן, רייבן די אויגן, בלינקען די אויגן זייער סאך און שוועריגקייטן צו זעהן ווייטע זאכן קלאר.

## הויכע מייאָפּיע

הויכע מייאָפּיע געשעהט ווען די קורצזיכטיגקייט אין די אויג ווערט געמאסטן צו זיין מער פון 6- דייאַפּטער. מענטשן מיט הויכע מייאָפּיע האבן **העכערע אויסזיכטן** צו באקומען אנדערע אויגן פראבלעמען, ווי א ריס אין די רעטינא הייטל אדער די רעטינא הייטל ווערנדיג אומבאהאפטן, קעטערעקטס, שאדן צו די 'מעקיולע' צוליב מייאָפּיע אדער גלאוקאָמע.

## פארערגערונג פון מייאָפּיע קען פארמיטן ווערן!



### ספעציעלע ברילן

פרעזענליך צוגעפאסטע מייאָפּיע קאנטראלירונג ברילן קענען פארשטייטערן פארערגערונג.



### ספעציעלע קאנטאקט לענזעס

מולטיפאָוקעל און ארטאָוקערעטאלאדזשי (ortho-k) קאנטאקט לענזעס קענען פארשטייטערן די פארערגערונג.



### ענדערונגען צו לעבנס שטייגער

צום ווייניגסטנס צוויי שעה אינדרויסן א טאג, א געזונטערע דיעטע און ווייניגער צייט מיט סקרינס און ארבעטן פון די נאענט קענען אפשטופן די אנהויב פון די פראבלעם.



### עטראפּין אויגן טראפן

עטראפּין אויגן טראפן אלס מעדיצין קען פארשטייטערן פארערגערונג.

מאכט רעגלמעסיגע אויגן אונטערזוכונג אפוינטמענטס פאר אייער קינד. א פריערע דיאגנאזע מיינט מער ערפאלגרייכע באהאנדלונג. רעגלמעסיגע אונטערזוכונגען זאלן זיך אנהויבן צווישן די 6 און 12 חודשים אלט — קיין איין קינד איז נישט צו יונג פאר א פולע אויגן אונטערזוכונג אויב עפעס קוקט אויס אבנארמאל. קינדער אין סקול יארגאנג זאלן אריבערגיין יערליכע אונטערזוכונגען, און רוב אינשורענסעס, אריינרעכענענדיג Medicaid, דעקן די קאסטן פון א פולע אויגן אונטערזוכונג און פון צום ווייניגסטנס איין פאר ברילן.

פאר מער אינפארמאציע, רופט די NYC העלט דעפּארטמענט זעאונג פראגראם (NYC Health Department Vision Program) אויף 855-771-3937 אדער באזוכט **nyc.gov/health/vision**.